וועד העירוב דבארא פארק

שמחים לשמרו

ולערב ערובן

ERUV SOCIETY OF BORO PARK



# ישמחו במלכותך שומרי שבת..

# טייערע בריד

## מיט דעם וואס איהר זענט זיך
## משתתף מיט די הוצאות
## פון עירוב,





# צר תושבי בארא פארק הי"ו

## נעמט איהר א חלק אין א מצוה וואס:



- העלפט צו אייער אייגענעם שמירת שבת קודש, ווי עס שרייבן די פוסקים ראשונים און אחרונים, אז עס איז כמעט אוממעגליך נישט נכשל צו ווערן אין איסור הוצאה - אליין אדער די בני בית - אהן קיין עירוב.
- איז מונע חילול שבת פון טויזנטער אומוואוסנדע אידן ווי למשל אונזערע ברידער וואס זענען געקומען פון רוסלאנד א.ד.ג. וואס כידוע האט מען ביי זיי נישט געקענט פועל'ן נזהר צו זיין באיסור הוצאה, אויך זענען ליידער אסאך נכשל מיט "כשר'ע" שליסל האלטערס, וכדומה אנדערע התירים.
- נעמט אוועק די חרפה און מכשולות פון פסול'ע פריוואטע עירובין וואס אונזער געגענט איז געווען פול מיט דעם.
- האט ב"ה מבטל געווען דעם גרויסן פראבלעם פון נישט קענען ברענגען קיין שאלות פאר רבנים אום שב"ק וד"ל.
- איז גורם אז איהר מיט אייערע נאנטע זאלן קענען האבן א שענערן עונג שבת, ווי עס זעהט זיך בעיקר אהן ווען עס איז דא א שמחה אין די משפחה. אדער סתם א שבת ווען מען קען ארויס גיין אויף דער לופט מיט קליינע קינדערלעך כן ירבו.
- מאכט אז יעדער איינער זאל הנאה האבן פון שבת, אפילו דער וואס האט נישט ווער עס זאל בליבן מיט די קליינע קינדער. קיינער זאל נישט טראכטן פון דעם ליבען שבת קודש ווי א תפיסה ר"ל.
- גיט אריין א פרייד אין עלטערע אידן ווען זייערע קינדער קענען קומען באזוכן אינמיטן שבת קודש אדער אויף א סעודה צום עסן. אהן דעם וואס מען זאל זיך דארפן "אריבער ציען" אויף דעם גאנצן שבת מיט אלע אומאנגענעמקייטן (בגשמיות וברוחניות) וואס זענען פארבונדן מיט דעם.
- העלפט לייכטער מאכן פאר עלענדע און קראנקע אין שפיטאל ווי אויך די וואס זיצען מיט זיי, דורך זיי קענען באזוכן און ברענגען אביסל ווארעמע פרישע מאכלי שבת.
- פארמיידט שאלות פון דאקטורים און הצלה לייט אין די צייט וואס יעדע מינוט שפילט א ראלע.
- ערמעגליכט עלטערע אידן וואס מוזען גיין מיט שטעקנס אדער Walkers אז זיי זאלן קענען גיין דאווענען א.ד.ג.
- ראטעוועט אידן פון פארשידענע מסוכנ'דיגע אטאקעס פון מחלות ל"ע. דאס זענען אידן וועלכע מוזן מיטנעמען מיט זיך כסדר זייערע מעדיצינען. אבער אהן קיין עירוב פלעגן זיי זיך מחמיר זיין, נישט קענענדיג פועל'ן ביי זיך צו טראגן אום שבת. און דאס האט שוין געברענגט כמה פעמים צו אומגליקען ר"ל.
- פארלייכטערט דאס מוטשעניש פון משפחות וואס האבן ביי זיך אין שטוב איין אינוואליד ל"ע, ווען ביז יעצט זענען זיי געווען אנגעוויזן אויף די "חסדים" פון די גוים מיט אלע שוועריקייטן וואס דאס איז גורם, סיי פאר דעם אינוואליד אדער זקן, וואס פילט ווי א לאסט אין שטוב, און סיי פאר די משפחה וואס באקומט אריין אן אומגעוואונטשענעם, קאסטבארן "בן בית" יעדן שבת קודש וד"ל.
- ברענגט אריין א קדושה אין די אידישע גאסן, ווי די הייליגע ספרים שרייבן אז דער עירוב נעמט אוועק די שליטה פון חיצונים אויף אידישע גאסן.



# פאקטן פון עירוב

# הידעת?

## צו ווייסט איהר?

- די לענג פון עירוב איז איבער צוועלף (12) מייל.
- איבער 80 פראצענט פונעם עירוב איז מחיצות גמורות.
- עס זענען פארהאנען איבער 140 צורות הפתח.
- אלע צורות הפתח זענען געבויט ספעציעל פארן עירוב.
- יעדער צורת הפתח האט לכל הפחות צוויי Backups.
- דער עירוב ווערט באקוקט יעדען דאנערשטיג און אויך יעדן ערב שבת.
- דער ערוב ווערט באקוקט דורכן א משגיח תמידי שליט"א.
- דער רב המכשיר גייט אליין כסדר בודק זיין בדיוק רב.
- יעדע שינוי אדער הוספה ווערט געבויט כהוראת הרב המכשיר שליט"א.
- דורך די זעקס יאהר פון דעם עירוב האט נאך ב"ה קיינמאהל נישט פאסירט אז דער עירוב זאל פסול ווערן אין שבת קודש.

ECHOD GRAPHICS

# די הוצאות פון עירוב



# אשרי חלקכם וואס איהר זענט זיך משתתף אין החזקת העירוב

דער בארא פארקער עירוב שטייט אין מיטן שטאט. א לעבעדיגע שטאט וואס מען האלט אין איין בויען און פאררעכטן. דערפאר דארף מען האבן א ספעציעלע השגחה, ווי אויך די מעגליכקייטן, סיי פון מענטשן און סיי פון כלים, צו זיין גרייט אויף פארשידענע שינויים יעדע וואך. למשל: א הויז ווי דער צורת הפתח איז באהאפטן ווערט איבערגעבויט, אדער די שטאט בויט אויף יענע גאס, אדער א גדר וואס איז געווען א חלק פון עירוב ווערט אראפגענומען, מען בויט צו עפעס אויף א הויז און דורך דעם מוז מען איבער-שטעלן די לחי'ס, עס קומען צו אידישע גאסן און מען דארף פאר-ברייטערן, א.א.וו.

די אלע סיבות פון דעם זענען צוליעב די הידורים וואס די חשובע רבנים פון דעם עירוב, ובראשם הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א האבן איינגעפירט, ובכלל זה מען זאל נוצן ווי ווייט מעגליך מחיצות הבתים.

דאס איז כדי דער עירוב זאל זיין אויסגעהאלטן לויט אלע אנגענומענע שיטות. אויך איז דער עירוב אויס-געהאלטן לשיטת הרמב"ם אז עס מוז זיין עומד מרובה, וואס לפי ידיעתינו איז דאס די איינציגע גרויסע שטאט אין די וועלט וואס פרואווט יוצא צו זיין דעם דאזיגן הידור. אויך מחמת די פארשידענע עצות און מיטלען וואס די עסקנים און משגיחים האבן אויפגעבויט און אוועק-געשטעלט אז ס'איז כמעט אוממעגליך "בדרך הטבע" דער עירוב זאל פסול ווערן אום שב"ק. דאס אלעס פאר-לאנגט שטענדיג צו שטיין על המשמר ווי אויך איז דאס פארבינדן מיט הוצאות.




די הוצאות פון אויפשטעלן דעם עירוב האבן גענומען אויף זיך עטליכע יחידים צו דעקען. הן דורך געלט, און די הויפט זאך דורך מסירת נפש, די שווערע פיזישע ארבעט, בייטאג און ביינאכט, במשך דעם גאנצן ווינטער וואס דער עירוב איז געבויט געווארן. רובו ככולו איז אונזער עירוב געבויט געווארן דורך היימישע יונגעלייט בדחילו ורחימו. אשרי חלקם וועלכע האבן אריין געכאפט די גרויסע מצווה דרבים, הקב"ה ישלם שכרם. אבער דאס אויסהאלטן פון עירוב, די טאג טעגליכע הוצאות, האבן די רבנים גדולי ישראל שליט"א זיך אויסגענומען אז דאס מוז עווענטועל קומען פון ברייטן עולם, ווייל אזוי ארום וועט דאס אי"ה זיין א דבר של קיימא.

עס זענען געווען וועלכע האבן זיך געוואונדערט מהיכן ירק זה חי? ווער וועט דאס דעקען? ווער וועט גאראנטירן אז עס וועט זיין געלט כסדר? אבער פאר אונז איז נישט געווען קיין ספק אפילו קיין איין מינוט אז עס וועט זיין גענוג געלט! ווי די חז"ל לערנען אונז ישראל קדושים הם נתבעים ונותנים, הייליגע אידן געבן ווען מען בעט זיי. דער דאזיגער מאמר חז"ל איז אונזער בעסטע גאראנטיע אז עס וועט אייביג זיין געלט אויף א דבר מצווה.

די הוצאות זענען: די טייערע מאטעריאלן ווי האלץ, אייזן, כלי מכשירים, געז, ובכללם די SPECIAL STAINLESS STEEL CABLE, פאר די קורות, העלפערס און דרייווערס פאר די משגיחים העוסקים באמונה, אינשורענס, לייעביליטי, טעלעפאנען, ערב שבת האטליין, רענט (פאר גויים צו באהעפטן די עירוב אויף זייער הויז), טראקס און קארס וכו'.

מיט דעם וואס איר זענט זיך משתתף און גיט אייער חלק מיט תשואות חן ווערט איר א שותף צו די גרויסע מצווה. הן פון שמירת שבת קודש, הן פון גמילת חסדים, הן פון די מצווה פון עונג שבת.

הוצאות שבת ויום טוב רעכנט מען נישט אראפ פון די פרנסה וואס איז באשערט, ספעציעל טאמער איז נאך די הוצאה פאר עונג שבת, האט די תורה אונז צוגעזאגט וקראת לשבת עונג... והאכלתיך נחלת יעקב אביך וגו'. מען וועט קריגן שכר דערפאר א נחלה בלי מצרים - אן קיינע גרעניצן. אזא גוטס וואס שטייט נאר ביי עונג שבת.

**Hot Line בכל ערב שב"ק 917-293-ERUV (3788)**

# Please take part in Mitzvas Eruv of thousands of Yiden

With the establishment of the Boro Park Eruv six years ago, the observance of Shabbos in our community was strengthened and enhanced. In addition - all of us, especially the elderly, the infirm, and families with young children, benefited from the increase in Bikur Cholim and Hachnasas Orchim made possible by the Eruv. As we shared in each other's Simchas, the Eruv brought us together, strengthening bonds within the community.

Now it's your turn. The maintenance of a community Eruv is a shared responsibility. We urge you to show your appreciation, commitment, and community spirit by contributing to the Eurv fund. The continued upkeep of the Eruv depends on your support.

**We have beautiful gifts for you - please open**

☐ **יא! איך וויל האבן א חלק אין דעם גרויסן זכות פון מזכה זיין טויזענטער אידן מיט מצוות עירובין יעדן שבת קודש.**

Name ______________________

Address ______________________

City/State/Zip ______________________

Phone (    ) ____________ Fax (    ) ____________

☐ Check Enclosed

Please make your check payable to:

**Eruv Society of Boro Park**

☐ VISA ☐ MasterCard

Card Number ______________________

Exp. Date ______________________

Signature ______________________

☐ **$52** ☐ **$120** ☐ **$180** ☐ **$360**

English ☐ אידיש ☐

☐ **$1,000** זכות פון החזקת העירוב פאר איין וואך לכבוד א שמחה, יארצייט וכדו' מיט א הערליכן פערזענליכן טאוול און אויף דעם שטיקלעך פון די עירוב מצה פון אלע פארגאנגענע יארן מהתחלת העירוב.

1419 44th Street • Brooklyn, NY 11219 • Tel: 718-853-7850 • **Hot Line: 917-293-ERUV** (3788) • Fax: 718-438-7411

All contributions are tax deductible.

Please allow 6-8 weeks for delivery.

**א מצוה שמתן שכרה בצדה - ביטע עפענט אויף**




**$120**

א שיינע וועד העירוב חלה דעקל

**Challa Cover**




**$52**

א ספעציעלע הכנות לשבת קודש ליסט
צו הענגן אויף די וואנט

**Erev Shabbos check list**




**$360**

א טאוול מיט אייער נאמען און אויף דעם
א שטיקל פון די עירוב מצה סגולה לשמירה

**Personalized plaque with piece of the Erev Matzoh permanently encased in lucite**




**$180**

א ספעציעלע שיינע וועד העירוב
שבת טלית בייטל (מיט פלאץ פאר אייער נאמען)

**Shabbos Tallis bag**

ב"ה

# קריאת קודש

## בדבר תיקון העירוב בשכונת בארא פארק יצ"ו

היות שנתייסד עירוב בעיר בארא פארק ע"י וועד רבנים מובהקים, ועומדת תחת השגחת מורה הוראה מובהק הרב מוה"ר חיים יהודה כ"ץ שליט"א אב"ד סערדאהעלי, ונעשית בחומרות והידורים, וכן יש וועד בעלי בתים חשובים נגידים ונשואי פנים, העומדים בעזרה להוצאות שצריכים לתיקון העירוב ולמשגיח תמידי מדי שבוע בשבוע.

### ע"כ גם ידינו תכון עמהם לחזק ידי עושי מצוה,

## ומצוה רבה על כל אחד לסייע במה שיכול כדי להעמיד העירוב על תלה כנהוג בכל תפוצות ישראל.

וע"ז באו עשרים רבנים עה"ח בהודש טבת שנת תש"ס. והיות ומאז כבר הוסיפו כמה מהרבנים הגאוה"צ שליט"א גם מהחותמים מכתבים חשובים לחזק מצוה רבה זו, ע"כ מפרסמים אנו כל שמות הרבנים הגאוה"צ שליט"א, החותמים והכותבים יחדיו.

הגה"צ מו"ה **שלום קרוים** שליט"א
אבד"ק אודווארי

הגה"צ מו"ה **אפרים פישל הערשקאוויטש** שליט"א
אבד"ק האליין

הגה"צ מו"ה **יחזקאל ראטה** שליט"א
אבד"ק קארלסבורג

הגה"צ מו"ה **טוביה גאלדשטיין** זצ"ל
ראש ישיבת עמק הלכה
ע"י תלמידו הרה"ג ר' בנימין רובין שחתם בשליחותו ובנוכחותו

כ"ק אדמו"ר ר' **יוחנן סופר** שליט"א
גאב"ד ערלוי

הגה"צ מו"ה **מנשה קליין** שליט"א
אבד"ק אונגוואר

הגה"צ מו"ה **יעקב יצחק ניימאן** שליט"א
אבד"ק מחזיקי הדת מאנטריאל

הגה"צ מו"ה **מנחם מענדל רובין** שליט"א
אבד"ק מושאי

הגה"צ מו"ה **אהרן וויעדער** שליט"א
אבד"ק לינז ודומ"ץ צאנז קלויזנבורג

הגה"צ מו"ה **חיים יהודה כ"ץ** שליט"א
אבד"ק סערדאהעלי

הגה"צ מו"ה **חיים ישעי' קאניג** שליט"א
אבד"ק יאקע

הגה"צ מו"ה **ישראל מנחם גרינוואלד** שליט"א
אבד"ק פאפא ב"פ

הרה"ג מו"ה **שלמה הכהן גראס** שליט"א
דומ"ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא

הרה"ג מו"ה **צבי היילפערן** שליט"א
דומ"ץ דקהע"י וויען

הרה"ג מו"ה **גבריאל צינגער** שליט"א
אב"ד דקהל נטעי גבריאל

הרה"ג מו"ה **בן ציון שטראססער** שליט"א
דומ"ץ דק"ק נייטרא

הגה"צ מו"ה **שמואל שמעלקא לייפער** שליט"א
אדמו"ר מחוסט ור"מ תורת חסד

הרה"ג מו"ה **בן ציון יעקב הלוי וואזנער** שליט"א
רב דבד"ץ ובית הוראה "שבט הלוי" מאנסי

הרה"ג מו"ה **שלום פסח לאנגזאם** שליט"א
דומ"ץ דק"ק בעלזא 50 סטריט

הרה"ג מו"ה **זלמן דוד ישעי' סופר** שליט"א
רב דק"ק כתב סופר ערלוי

הרה"ג מו"ה **אשר אנשיל עקשטיין** שליט"א
דומ"ץ דק"ק בעלזא 18טע עוו.

הרה"ג מו"ה **יוסף מאיר לייפער** שליט"א
אבד"ק טעמעשוואר

הרה"ג מו"ה **יעקב קאפיל שווארץ** שליט"א
ראש ישיבת אהלי יעקב ובעמח"ס יקב אפרים

הרה"ג מו"ה **יעקב ויידא** שליט"א
דומ"ץ בק"ק צמח מדיק וויזניץ

הרה"ג מו"ה **חיים אלעזר ברוין** שליט"א
אב"ד קהל שערי ציון

הרה"ג מו"ה **דוד יצחק שיק** שליט"א
רב דק"ק תפילת יצחק

הרה"ג מו"ה **יחיאל יעקב הכהן מיללער** שליט"א
אב"ד אייזענשטאט ורה"כ נועם אלימלך, ובית חנוך

הרה"ג מו"ה **יוסף טויסיג** שליט"א
אבד"ק בעלעד

הרה"צ מו"ה **יצחק דוב הלוי יונגרייז** שליט"א
אדמו"ר מגארליץ

הרה"ג מו"ה **חיים מאיר י.מ. רובין** שליט"א
אדמו"ר מראפשיץ

הרה"ג מו"ה **משה חיים גאלד** שליט"א
אבד"ק קראלי

הרה"ג מו"ה **שלום יוסף האלפערין** שליט"א
אב"ד בית שמואל ראדימשלא

הרה"ג מו"ה **ישראל אברהם אלטר טויב** שליט"א
אבד"ק בית נפתלי קאלוב

**כ"ק אדמו"ר ממונקאטש שליט"א בתשובתו המפורסמת קרא לאנשי שלומו לתמוך ולסייע בידי העוסקים במצוה רבה זו**

# ERUV SOCIETY OF BORO PARK

# ועד העירוב ד'בארא פארק

בס"ד

שנת תשס"ו

## תחומי העירוב




בהשגחת ובפיקוח
**הגה"צ גאב"ד ור"מ**
**סערדאהעלי שליט"א**
ובי"ד המיוחד לעניני העירוב


FOR INFORMATION PLEASE CALL ליתר פרטים אפשר להתקשר

**1-917-293-ERUV(3788) • 718-853-7850 • Fax: 718-438-7411**

ERUV SOCIETY OF BORO PARK • 1419 44TH STREET • BROOKLYN, NY 11219

Eruv Society of Borough Park
1419 44 St.
Brooklyn NY 11219

Eruv Society of Borough Park
1419 44 St.
Brooklyn NY 11219

PRESORTED STANDARD

BROOKLYN NY

U.S.POSTAGE
≈016⁴
PB METER
6745735




BROOKLYN NY 11219

**New Eruv Map Enclosed**